ב"ה

# צעירי השלוחים

"פארבינדען צעירי השלוחים ארום דער וועלט"

A project of The Shluchim Office



## כ' טבת תשס"ו

## פרשת שמות

טייערע קינדער שלוחים,

חסידים גלייכן פרעגן שאלות. חסידים גלייכן פארשטיין נייע זאכן. איינמאל האט א חסיד געפרעגט ביים רבי'ן רש"ב, "וואס איז א חסיד?" האט אים דער רבי רש"ב געענטפערט, "א חסיד איז א פנסאי– איינער וואס צינדט אן לאמפן." דער רבי רש"ב האט ערקלערט אז אן אמת'ער חסיד איז גרייט גיין אין אלע סארט פלעצער אנצוצינדן די ליכט פון די נשמות פון אידן איבעראל. אלע ווילן זיין חסידים, אבער איר זייט די גליקליכע וואס לעבן אין א וועג וואס איז ב'אמת צו זיין א חסיד– איר זייט שלוחים וואס צינדן אן נשמות וואו נאר איר זייט.

<u>און יעצט טייערע קינדער, מיר ווילן הערן פון אייך!!</u>

מיר ווילן אנהויבן שרייבן וועגן אייך און אייער שליחות. ביטע שרייבט אן ארטיקל וועגן אייך אויף שליחות און שיקט דאס אריין צום שלוחים'ס אפיס.

דעם ארטיקל מוז האבן דיין נאמען און דעם פלאץ פון דיין שליחות. מיט וועלן אי"ה דרוקן די ארטיקלן אין די ווייטערדיקע צייטונגען.

קינדער, עס איז אין אייער זכות וואס משיח וועט שוין קומען נאו ממש!!

א. וועכטער

## <u>כ' טבת - יארצייט פון דעם רמב"ם</u>



כ' טבת איז דער יארצייט פון דעם רמב"ם. דער רמב"ם איז געבוירן געווארן ערב פסח אין קארדאבע שפאניע, ארום 870 יאר צוריק. ווען דער רמב"ם איז געווען 13 יאר אלט, האט זיין משפחה אנגעהויבן זייער גלות'ן ביז זיי האבן זיך באזעצט אין מצרים. דער רמב"ם האט געשריבן דעם ספר המצוות, א ספר וואס האט אין זיך די רשימה פון אלע 613 מצוות. דער רמב"ם האט אויך געשריבן א ספר וואס איז א סיכום פון אלע הלכות פון די מצוות פון תורה. דער ספר האט 14 ספרים און עס ווערט אנגערופען "משנה תורה – יד החזקה" (יד איז בגימטרי' 14). י"ד ניסן תשד"מ (יום הולדת פון דעם רמב"ם), האט דער רבי מעורר געווען צו לערנען פון דעם רמב"ם יעדן טאג. דער רבי האט אנגעזאגט אדער צו לערנען 3 פרקים א טאג און ענדיקן דעם ספר אין א יאר, אדער לערנען 1 פרק א טאג און ענדיקן דעם ספר אין 3 יאר. צו פרויען און קינדער האט דער רבי געבעטן לערנען פון דעם ספר המצוות. דער רמב"ם האט אויך געשריבן די י"ג עקרי אמונה וואס יעדער פון זיי הויבט זיך אן מיט "אני מאמין". דער רמב"ם איז באוואוסט אין גאנצן וועלט אלס א גרויסע מנהיג און א וועלט–בארימטע דאקטער. עס זיינען פאראן אסאך מעשה'ס וועגן די אויסערגעוויינליכע קלוגקייט פון דער רמב"ם.

דער רמב"ם איז אוועק כ' טבת און איז באגראבן געווארן אין טברי'. אויף דעם מצבה פון דער רמב"ם איז געשריבן געווארן "ממשה עד משה לא קם כמשה!!"



### לעבן מיט דער צייט

### <u>פרשת שמות</u>

### שבעים נפש

**ויהי כל נפש יוצאי ירך יעקב שבעים נפש** - די צאל אידן וואס זיינען אריין אין מצרים איז געווען "שבעים נפש".

די צאל פון "שבעים נפש" איז דער "מספר היסודי" (דער גרונט צאל) פון אידישן פאלק, "צבאות השם", ווי עס שטייט "**יצב גבולות עמים למספר בני ישראל**" - דאס וואס דער מספר פון די הויבט–אומות איז "שבעים", איז דאס דערפאר וואס דער מספר פון די "הויפט–אידן", די אידן אריינגייענדיק אין מצרים, איז געווען "שבעים".

געפינט מען, אז צווישן די זיבעציק מיטגלידער פון "צבאות השם" וואס זיינען אריין אין מצרים, ווערט גערעכנט יעקב אבינו אלס איינער, און א קליינע אידישע מיידעלע וואס איז געבארן געווארן מיט א רגע לפני זה (אדער–באותו הרגע) - יוכבד - אלס איינע, און זיי שטעלן צוזאמען דעם מספר פון "שבעים נפש", וואס דעמאלט זיינען דאס געווען די "צבאות השם"!

דאס הייסט , אז אין דער צאל פון "שבעים נפש" ווערן אריינגענומען צוזאמען ,סיי א קליינע אידישע מיידעלע און - יעקב אבינו, דער גרעסטער צווישן די אבות, און דער גרעסטער צווישן אידן (וואס דערפאר ווערט דאך יעדער איד אנגערופען מיטן נאמען "יעקב", "ישראל").

דערפון זעהט מען די גרויסקייט פון אידישע קינדער.

ווארום הגם אז אייגנטלעך זיינען אלע אידן, אפילו די וואס זיינען שוין אלט אין יארן, דער אויבערשטנ'ס "קינדער", ווי עס שטייט "**כי נער ישראל ואוהבהו**", און "**הבן יקיר לי אפרים אם ילד שעשועים**" - דאס הייסט אז דער אויבערשטער באטראכט און קוקט אויף יעדער אידן אז ער איז זיינער א קינד, און נאכמער - א "ילד שעשועים", א קינד וואס פארשאפט אים גרויס פרייד און פארגעניגן - ובמילא מובן אז אלע אידן זיינען אין דעם אויבערשטנ'ס ארמיי -

פונדעסטוועגן, איז דאס מער אונטערשטראכן בנוגע צו אידישע קינדער.

און אזוי ווי עס איז געווען אין מצרים, אין דעם ערשטן גלות, אז דארטן איז געווען בהדגשה די מעלה פון קליינע קינדער אלס מיטגלידער פון "צבאות השם", "הם הכירוהו תחלה", אזוי וועט אויך זיין בקרוב ממש, וואס "**כימי צאתך מארץ מצרים אראנו נפלאות**", ווען מיר וועלן ארויסגיין פון דעם איצטיקן גלות - גאר אינגיכן, דורך משיח צדקנו.

(דער רבי רעדט צו קינדער *-משיחת כ"ח תשרי תשמ"א*)

# דעם חסידישן לוח

## כ"ד טבת – יארצייט פון דעם אלטן רבי'ן

כ"ד טבת תקע"ג איז דער אלטער רבי נסתלק געווארן.

דער אלטער רבי איז געבוירן געווארן ח"י אלול תק"ה, צו זיינע עלטערן ר' ברוך און רביצין רבקה.

דער אלטער רבי איז געווען א חסיד פון דער מגיד, און איז געווארן דער רבי נאך אים. דער אלטער רבי איז דער וואס האט אנגעהויבן חסידות חב"ד.

אין סוף פון זיין לעבן, האט נאפאליאן, א גרויסע פיהרער פון פראנקרייך אנגעהויבן האלטן מלחמה מיט רוסלאנד.

נאפאליאן איז געווען דער הויפט קאמאנדיר פון די פראנצויזישער ארמיי וואס ער האט געוואלט איבערנעמען רוסלאנד. עס זיינען געווען אסאך אידן וואס זיינען געווען זייער צופרידן אז נאפאליאן וועט קומען און ראטעווען גאנץ רוסלאנד פון דעם שלעכטן רוסישן צאר.

אבער דער אלטער רבי האט געהאלטן אז אויב די פראנצויזישער ארמיי וועט איבערנעמען רוסלאנד, וועלן זיי מאכן א גאנצע פרייהייט אין רוסלאנד, און וועקנעמען אידן פון אידישקייט.

יענע יאר תקע"ג פאר ר"ה האט מען געוואוסט אז דער וואס וועט בלאזן שופר דעם ערשטן וועט אויפטאן א נצחון מלמעלה. ר' ישראל פון קאזניץ איז אויפגעשטאנען און האט אנגעהויבן דאווענען גלייך און איז שנעל אנגעקומען צו תקיעת שופר. דער אלטער רבי האט אים אבער אויסגעכאפט. גלייך אינדערפרי איז דער אלטער רבי געגאנגען אין מקוה און דערנאך האט ער גלייך געבלאזן שופר.

און טאקע, ווי דער אלטער רבי האט געוואלט, האט רוסלאנד געוואונען.

אויף כ"ט אב תקע"ב, ווען דער פראנצייזישער ארמיי איז געקומען נענטער צו ליאדי, איז דער אלטער רבי מיט זיין גאנצע הויזגעזינד אנטלאפן פון ליאדי. ער האט ניט געוואלט זיין אין די הענט פון די פראנצייזישע אפילו אויף א קליינע ווייל. דער אלטער רבי האט געהייסן ארויסנעמען אלץ פון זיין שטוב, אפילו שטעקשיך בכדי גאר ניט איבערלאזן פאר נאפאליאן.

דער אלטער רבי איז געפארן צוזאמען מיט זיין משפחה און געציילטע חסידים צום דארף פיענע.

דארטן מוצש"ק פרשת שמות כ"ד טבת, תקע"ג, איז דער אלטער רבי נסתלק און איז באגראבן געווארן אין שטאט האדיטש.

אויף דעם טאג פון דעם הסתלקות גייען העכער דאס וואס א איד האט אויפגעטאן דורך זיין לעבן. דער רבי ערקלערט אז דעם יארצייט פון דער אלטער רבי איז גאר א הויכער טאג, ווייל ער האט געהאט א נייע נשמה, און דערפאר איז ווען די ספעציעלע נשמה האט אן עלי' איז עס זייער א הויכע צייט.

אויף זיין יארצייט נעמן מיר אן החלטות אויף צו שטארקן זיך אין אונזער לערנען פון דער אלטער רבי'ס ספרים– ווי די הייליקע תניא –און פירן זיך אין זיינע הייליקע וועגן.

לעילוי נשמת
אאמו"ר הרה"ח התמים ר' **דובער**
בן הרה"ח ר' **נפתלי** שו"ב ע"ה יוניק
**זכה לשמש בקודש קרוב ליובל שנים**
נפטר ביום הרביעי, ט' אייר תשס"ה
נדבת בנו ר' דוד שי' יוניק ומשפחתו

# דערציילט מיר א מעשה

דער רמב"ם איז געווען א גרויסע תלמיד חכם אין תורה און אויך אין וועלטלישע חכמות. דער רמב"ם האט אסאך גערעדט פילאסאפיא, און האט געהאט וויכוחים מיט מענטשן אויף אסאך ענינים. יעדער מאל וואס דער רמב"ם האט געהאט א וויכוח, האט מען צום סוף געזען אז דער רמב"ם ווייסט דער אמת.

איינמאל איז געווען א וויכוח צווישן דער רמב"ם און געוויסע פילאזאפן. די גוישע פילאזאף האבן געזאגט אז עס איז ניטא קיין חילוק צווישן א מענטש און א בהמה, און אויב מען וואלט נאר אויסגעלערנט א בהמה ווי אזוי פירן זיך ווי א מענטש וואלט ער געקענט. דער רמב"ם האט געהאלטן אז א מענטש איז בכלל אן אנדערע דרגה און א בהמה טוט נאר לויט זיין נאטור. האבן זיי געמאכט צווישן זיי א נסיון. די פילאזאפן האבן איינגעלאדן דער רמב"ם צו קומען זען צוויי קעץ וואס זיי האבן אויסגעלערנט זיין באדינערס.

ווען דער רמב"ם איז געקומען האט ער געזען אויסגעשטעלטע טישן. ווען די מענטשן האבן זיך געזעצט, זיינען אריינגעקומען צוויי קעץ. זיי זיינען געווען אנגעטאן און האבן אויסגעזען ווי צוויי באדינערס. די קעץ זיינען געשטאנען אויף זייערע פיס און זיי האבן אריינגעבראכט א גאנצע טאץ מיט געטראנק. אלע זיינען געווען איבער זיך צו זען ווי די קאץ פירן זיך ווי נארמאלע מענטשן! מענטשן האבן אנגעהויבן טראכטן אז אפשר האט דער רמב"ם טאקע געמאכט א טעות. אלע האבן געזען ווי א קאץ מיט די ריכטיקע חינוך קען ווערן פונקט ווי א מענטש!

פלוצלונג האט דער רמב"ם ארויסגענומען א קליינע מייזל פון א קעסטל אין זיין קעשענע. גלייך ווען די קאץ האבן געזען די מייז, האבן זיי אלס אראפגעווארפן און זיי זיינען נאכגעלאפן די מייז!!

"קוקט זיך איין" האט דער רמב"ם געזאגט. "א קאץ קען מען אויסלערנען און מחנך זיין אויך א לאנגע צייט, אבער צום סוף בלייבט ער א קאץ! נאר א מענטש קען ארבעטן אויף זיך און טאקע בייטן זיין נאטור!"

און נאכאמאל איז געווען קלאר צו אלעמען, אז דער רמב"ם איז גערעכט!

# משיח נאו!



ווען דו ווילסט ווייסן דעם הויכסטן פונקט פון א בוך, קענסטו לייענען דעם סוף. דארט וועסטו געפונען דעם עיקר פון דעם ספר. אין דעם ספר פון רמב"ם ענדיקט ער מיט ענינים וועגן משיח. זיין ספר ענדיקט זיך מיט דעם וואס אין דער צייט פון גאולה וועט זיין "ומלאה הארץ דעה את ה' כמים לים מכסים!" - אין צייט פון גאולה וועט די וועלט זיין אנגעפילט מיט די וויסנשאפט פון אויבערשטן ווי די וואסער פארדעקט די ים!

# TEST YOUR KNOWLEDGE

# פרשת שמות

**פאקס צוריק די פאפיר צום שלוחים'ס אופיס פאר מיטוואך,**
**און דו קענסט געווינען א פרייז! (718-221-0985)**



## דרגה א' און ב':

מאך א פאס צווישן די צוויי טיילן פון די זאצן וועגן דעם רמב"ם

| | |
|---|---|
| דעם רמב"ם'ס נאמען | ר' משה בן מימון |
| דער רמב"ם'ס טאטע'ס נאמען | שפאניע |
| וואס שטייט אויפן מצבה פון רמב"ם | משה |
| דער רמב"ם איז געבארן געווארן אין | י"ד ניסן |
| די ראשי תיבות פון רמב"ם זיינען | א דאקטער |
| דער רמב"ם'ס באוואוסטע ספר איז | כ' טבת |
| דער רמב"ם'ס געבורט טאג | מימון |
| דער רמב"ם'ס יארצייט | משנה תורה |
| דער רמב"ם איז געווען א | ממשה עד משה לא קם כמשה |

די געווינער פון פרשת ויחי: מושקי אמער, 6

הצלחה רבה

נאמען:______________________________ ווי אלט:_____

אדרעס:_______________________________________

____________________________________________

אימייל:__________________________